THE ISRAELITE PRESS
The only Jewish Newspaper in Western Canada.
דאס אידישע ווארט
Office and Place of Business: New Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave. East
Published daily except Saturday and Sunday
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA
Subscription: $6.00 per year
Established 1910 Phones: 55 409—52 213
Winnipeg — Manitoba

דער דאפין־ריווער קראפט פראַיעקט

פון אלע גרויסע נאטירלאכע אוצרות פון מאניטאבא איז אפשר דער וויכטיקסטער איר עשירות אין וואסער־קראפט. כמעט דער הויפט צענטער פון דער פראווינץ, וויניפעג, באריממט זיך שוין איצט מיט'ן גרעסטן געברויך פון עלעקטרישער ענערגיע און מיט די ביליקסטע פרייזן פאר דער עלעקטרישער קראפט אויפ'ן קאנטינענט. ווערן אבער מיט דעם פארברויך ווייט ניט אויסגעשעפט די ריזיקע קוואלן פון וואסער־קראפט אין דער פראווינץ. זיי וועלן נאך אין קיין באזונדערס גרויסער מאס ניט אויסגעשעפט ווערן אפילו מיט דער אנטוויקלונג פון די צוויי נייע גרויסע קראפט פראיעקטן, וועלכע ווערן איצט דורכגעפירט. — דעם סלייוו פאלס פראיעקט, דורכגעפירט פון דער וויניפעג סיטי היידרא, און דעם סעווען סיסטערס פאלס פראיעקט, דורכגעפירט פון דער וויניפעג עלעקטריק קאמפאני.

אין דער אמת'ן זיינען ביז איצט באריהרט געווארן בלויז די וואסער־קראפט קוואלן, וואס געפינען זיך אין פארהעלטנסמעסיקער נאענטער שכנות מיט וויניפעג. אביסל ווייטער צו צפון זיינען אבער נאך דא ריזיקע אנטוויקלונגס מעגלאכקייטן אויף דעם געביט. וועלכע זיינען נאך פאקטיש ניט באריהרט געווארן.

פון באזונדער אינטערעס זיינען די מעגלאכקייטן צום מערב פון לייק וויניפעג. וועלכע זיינען נאך ביז איצט פאקטיש אינגאנצן ניט אויסגענוצט געווארן. און דא זיינען די מעגלאכקייטן דוקא די גרעסערע, ווייל דא ליגט די צוקונפט פון דער פראווינץ. דא, אין די געגנטן פון דהי פעס, געפינען זיך אירע גרעסטע מינעראלע רייכטימער, און דא גייט די ליניע וואס פאראייניקט די פריירים מיט מערב קאנאדער נייעם האפן, פארט טשורטשיל. און דא אגב געפינען זיך אויך די גרעסטע נאך ניט אויסגענוצטע קוואלן פון וואסער קראפט.

די אויגן פון די וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער אנטוויקלונג פון וואסער קראפט זיינען איצט דערפאר געווענדעט אין דער דאזיקער ריכטונג. און פון באזונדער אינטערעס איז דער פראיעקט אנגעצייכנט פון פרעמיער ברעקען אין זיין בודזשעט רעדע, וועגן דער אנטוויקלונג פונ'ם דאפין ריווער פאר קראפט צוועקן.

דער פראיעקט איז פון באזונדער באדייטונג דערפאר, ווייל עס וואלט געווען איינע פון די ריזיקסטע עלעקטרישע אונטערנעמונגען אין דער פראווינץ, אויב ניט אין דער דאמיניאן, מיט א רעזערוו פון 400 טויזנט פערד־קראפט; און אויך דערפאר, ווייל, פון איין זייט, וואלט די געפלאנטע סטאנציע געווען פארהעלטנסמעסיק נאענט פון וויניפעג און וואלט געזיכערט די שטאט מיט א רעזערוו פון עלעקטרישער ענערגיע, און, פון דער צווייטער זייט איז ער ניט ווייט פון דהי פעס און אומגעגנט, וואס איז אויפ'ן שוועל פון גרויסע אנטוויקלונגס מעגלאכקייטן.

דער פלאן איז פארבונדן מיט אפקירעווען דעם קורס פונ'ם סאסקאטשעוואן טייך, וואס פאלט איצט אריין אין לייק וויניפעג ווייט אין צפון, ביי גרענד רעפידס, דורך די לייקס וויניפעגאסיס, לייק מאניטאבא און דורכ'ן דאפין טייך ווידער אין לייק וויניפעג, אבער שוין ניט ווייט פון וויניפעג (ארום 130 מייל). ער איז אויך פארבונדן מיט א קאנאל פונ'ם אסיניבאין טייך ארום פארטעדזש לא פריירי צו לייק מאניטאבא, וואס וואלט פארהיט דעם געגנט צווישן פארטעדזש און וויניפעג פון פרילינג פארפלייצונגען.

ווען דער פלאן זאל דורכגעפירט ווערן, וועט עס אויך מעגלאך ווערן א וואסער־וועג, דורך א סיסטעם פון דאמבעס און שלוזן, פון וויניפעג ביז דהי פעס, — א וועג פון גרויסער שיינקייט, וואס וואלט געווען א גרויסע צוציאונג פאר טוריסטן. פון דהי פעס ציט זיך דער סאסקאטשעוואן טייך ווייט אין אלבערטא אריין, און מיט געוויסע אויסבעסערונגען אין דעם טייך קורס, קאן געשאפן ווערן א ביליקער וואסער־וועג פאר אלבערטער קוילן קיין וויניפעג.

דאס זיינען דערווייל אלץ בלויז פלענער און פראיעקטן, אנגעצייכנט פון טשארלס ה. אטוואוד, דעפיוטי מיניסטער פון מינען און פישערייען, וועלכער האט דעם פראיעקט און זיינע מעגלאכקייטן גוט אויסגעשטודירט. אויב אבער דער פרעמיער האט שוין געפונען פאר נויטיק צו דערמאנען עס אין זיין בודזשעט רעדע, איז עס א סימן, אז דער פראיעקט איז ניט קיין חלום, און אז עס זיינען דא די פראקטישע אויסזיכטן אים צו פארווירקלאכן אין לעבן.

די גרויסע באדייטונג פון דעם פראיעקט פאר דער פראווינץ איז שווער איבערצושאצן. אויסער דעם וואס ארבעט וואלט דורך זיין דורכפיר געשאפן געווארן פאר טויזנטער מענשן, וואלט ער די פראווינץ פארזארגט מיט א ריזיקן רעזערוו פון ביליקער עלעקטרישער ענערגיע, וואס איז דער שליסל צו א גרויסער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. אין וועלכער די פראווינץ נויטיקט זיך פאר איר צוקונפט.

מיר קאנען בלויז ווינשן, אז עס זאל וואס פריער געפונען ווערן די מעגלאכקייט צו פארווירקלאכן דעם דאזיקן פראיעקט. און — אז ער זאל אנטוויקלט ווערן פון דער פראווינץ זעלבסט אין די אינטערעסן פון דער באפעלקערונג.

„ניט געצילט קעגן אידן"

ווען מיר זאלן נעמען די פארזיכערונגען פון די מזרח אייראפּייאישע שטאטסלייט, וואלטן מיר געמוזט קומען צום באשלוס, אז אין זייערע לענדער ווערט קיין זאך ניט געטאן אויף וועלכן ס'איז אופן צו באשריינקען די אידישע רעכט. אויב אבער עס טרעפט אז אידן זיינען די וואס ליידן פון א באשטימטן געזעץ, איז עס ניט די שולד פון די רעגירונגען, — ס'איז בלויז אן עקסידענט, א צופאל.

אזוי אבער ווי אזעלכע צופאלן פאסירן צו אפט, ווערט עס זייער פארדעכטיקט אין אונזערע אויגן, און מיר מוזן שטארק צווייפלען אין די פארזיכערונגען, אז "ס'איז ניט געצילט קעגן אידן".

אזא פארזיכערונג האבן מיר יעצט פונ'ם ליטווישן יוסטיץ מיניסטער, וועלכער האט ארויסגעגעבן א געזעץ, אז קיין סטודענט פון יורידישן פאקולטעט זאל ניט האבן דאס רעכט צו פראקטיצירן אדוואקאטור, וואו ער ארבעט ניט אפ צוויי יאר ווי אן אנגעשטעלטער אין געריכט הויז.

אזא געזעץ אין ענגלאנד, למשל, וואלט ניט ארויסגערופן קיינעמס חשד. אבער אין ליטע, וואו אידן ווערן ניט אנגענומען ווי אנגעשטעלטע אין די געריכטן, האט אזא געזעץ געמוזט שאפן דעם איינדרוק, אז ער איז געצילט קעגן אידן.

אבער דער ליטווישער יוסטיץ מיניסטער פארזיכערט די "איטא", אז מיט דעם געזעץ מיינט מען בלויז צו דערהויבן דעם ניוואו פון דער ליטווישער אדוואקאטור. און בשום אופן איז דאס "ניט געצילט קעגן אידן". אדרבא, אין די ליטווישע געריכטן איז דא איבער־גענוג פלאץ פאר אנגעשטעלטע, און מען וועט אנשטעלן אידישע סטודענטן אויך, זאגט צו דער מיניסטער.

בלייבט אבער נאך די פראגע, פארוואס האט מען ביז איצט ניט אנגעשטעלט קיין אידן אין די ליטווישע געריכטן, אויב ס'איז דא אזויפיל פלאץ אין זיי. מיר זיינען דאך זיכער, אז דאס איז ניט דערפאר, ווייל די אידישע יונגעלייט פון ליטע ווילן ניט אננעמען קיין רעגירונגס שטעלעס . . .

און עס פארבלייבט ביי אונז פארט דער חשד, אז דאס איז א נייע דערפינדונג ווי צו מאכן א נומערוס קלאוזוס (אויב ניט נומערוס נולוס) קעגן אידישע אדוואקאטן אויף "אן איידעלן אופן". אזוי אז אידן זאלן אפילו ניט קאנען פראטעסטירן . . .

איינשטיין איז פאר א גייסטיקן צענטער אין ארץ־ישראל

דער טעקסט פון זיין רעדע געהאלטן ביים באנקעט אין דעם בארימטן אמבאסאדאר האטעל לאס אנדזשעלעס, פעב. 16טן געגעבן לכבוד אים און זיין פרוי

(ספעציעל פאר "דאס אידישע ווארט")

פון אלחנן



צו האלטן מיין פארשפרעכן וואס איך האב געגעבן אין מיין טעלעגראמע, צו די לעזער פון ד. א. וו., שיק איך דא דעם טעקסט פון פראפ. איינשטיינס רעדע כמעט אין ווערטלאכער איבערזעצונג, ווי אויך זייער בילד.

"חשוב'ע פארזאמלטע : —

"מיר האבן זיך דא היינט פארזאמלט צו באטראכטן דעם שיקזאל און פראבלעמען געמיינשאפטלאכן בונד, וועלכער עקזיסטירט שוין פאר טויזנטער יארן. עס איז א בונד מיט א טראדיציע פון מאראל, וואס האט אונז געגעבן כח און אויסדויער קראפט אין עת־צרה. אזעלכע אלגעמיינע אינטערעסן האבן שטענדיק ארויסגערופן מענשן, וועלכע האבן אין זיך פארקערפערט דעם געוויסן פון דער וועלט, פארטיידיקער פון מענשהייט און גערעכטיקייט.

אזוי לאנג ווי דער בונד איז נאענט צו אונזער הארצן, וועט עס זיין צום וואויל און בעסטן פאר דער גאנצער מענשהייט, אפילו ווען ס'זאל ניט געפינען די נויטיקע מיטארבעטערשאפט.

(איוון דאן איט העם נא קאאפרייט עקזיסטענס ?).

עטלאכע יארצענדליק צוריק, האבן מענשען מיט א בליק אין דער צוקונפט, ווי דער אומשטערבלאכער טעאדאר הערצל, אנטוויקלט דעם געדאנק פון דער נויטווענדיקייט פאר א גייסטיקן לעבן (? ה.) ווי אין דער צייט פון אונטערדריקונג. זאלן אונזערע געפילן פון סאלידאריטעט, ארויסגעזאגט ווערן אפן און אומדערשראקן. אין דעם דאזיקן ארט איז די ציוניסטישע אידייע אנטשטאנען. און מיט איר רעקאנסטרוקציאנס ארבעט אין פאלעסטינע, וועמענס דערפאלגרייכע רעאליזאציע מיר האבנגעהאט די געלעגנהייט בייצוואוינען. אמווייניקסטנס אין איר פיל פארשפרעכנדן אנפאנג . . .

מיט גרויס צופרידנהייט און פארגעניגן האב איך צוגעזען דעם פאקט, אז די דאזיקע ארבעט האט מיטגעבראכט, א געזונטערן גייסט צו די אידן, וועלכע אלס מינדערהייט צווישן נאציאנען, זיינען ניט נאר פארפאלגט דורך דרויסנדיקע שוועריקייטן אליין, נאר אויך מיט אינערלאכע פסיכאלאגישע געפארן.

דער קריזיס וועלכן די רעקאנסטרוקציאנס ארבעט (אין א"י) האט געהאט אויסצושטיין דורך די פארגאנגענע פאר יאר, פאלט זייער שווער אויף אונז אלע, און עס איז נאך איצט ווייט ניט דערליידיקט. דאך די לעצטע נייעס באריכטן, ווייזן אונז, אז די וועלט, און הויפטזאכלאך די ענגלישע רעגירונג, איז גרייט צו אנערקענען (? ה.) די הויכע אידעאלן, וועלכע זיינען די טרייבקראפט אין אונזער אנשטריינגונג, צו דערגרייכן דעם ציוניסטישן ענד־ציל. אין אזא מאמענט לאמיר דאנקבאר זיין אונזער פירער דר. חיים וויצמאן, וועלכער האט מיט אזויפיל זעלבסט־אויפאפערונג און בריטן וויזיאן, צוגעהאלפן צו דעם דערפאלג פון אונזער זאך.

די גרויסע שוועריקייטן וואס מיר האבן דורכגעמאכט, האבן אויך געהאט זייער גוטע רעזולטאטן. עס האט פון דאס ניי באוויזן, ווי שטארק דער גלויבנס־בונד איז, וואס פארבינדט אלע אידן פון אלע לענדער צוזאמען. דער לעצטער קריזיס האט אויך קלארער געמאכט אונזער פאזיציע בנוגע די א"י פראבלעמען, באפרייט פון דעם שימל (סלעג) פון נאציאנאליסטישע באגריפן.

עס איז קלאר דעמאנסטרירט געווארן, אונזער ציל איז ניט צו שאפן א פאליטישן קבוץ, נאר אונזער צוועק איז צו אויסדריקן דאס אלטע טראדיציאנעלע אידישקייט, אז עס איז א קולטורעלע אין ברייטסטן זין פון ווארט.

דעריבער איז עס נויטיק צו לייזן די (א"י פראבלעמען מיט די אראבער, און עס דארף געלייזט ווערן אויף א נאבעלן, אפענעם און חשוב'ן וועג. דא האבן מיר א געלעגנהייט צו דעמאנסטרירן פאר דער וועלט, אז מיר האבן ריכטיק געלערנט, פון די שוועריקייטן דורך די צייטן פון אונטערדריקונג דורך די פארגאנגענע יארהונדערטער. אויב מיר וועלן נעמען דעם ריכטיקן וועג וועלן מיר זיין דערפאלגרייך, און וועלן דינען אלס גלענצנדער ביישפיל צו די נאציאנען פון דער וועלט. וואס מיר טוען אין פאלעסטינע, טוען מיר פאר'ן כבוד פון אלע אידן איבער דער גאנצער וועלט.

איינצלהייטן פון דעם באנקעט בכלל, ווי אויך ווייטערע באגעגנישן מיט פראפ. איינשטיין, וועלן מיר שרייבן ביי אן אנדער געלעגנהייט.

לאס־אנזשעלעס, פעב. 17טן, 1931.

אמעריקאנער ווערן אויס מיוחסים אין פוילן

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

פון מ. לובארסקי

13-14 יאר האט דאס פוילישע אידנטום — ווי דאס גאנצע מזרח אייראפּייאישעם אידנטום — געלעבט מיטן כוח פון "אמעריקאנער גליקן". עס איז ניט איבערטריבן אויב מען וועט זאגן, אז אן דער הילף פון דעם אמעריקאנער אידנטום אין משך פון דער מלחמה־צייט ביז היינט — וואלט דאס פוילישע אידנטום ממש אויסגעגאנגען פון הונגער, דער "דזשאינט", "היאס" און אנדערע האבן זיך אזוי "איינגעבירגערט" אין אידישן בודזשעט, אז אן זיי וואלטן יעדע הילף, — סיי קאנסטרוקטיווע און סיי פילאנטראפישע — געווען אוממעגלאך צו פירן.

די טראגעדיע פון טויזנטער אידישע פאמיליעס וואס האבן אויפגעהערט צו קריגן געלט פון אמעריקע.

מער נאך ווי אין געזעלשאפטלאכן לעבן איז דער דאלאר געווארן א טאן געבער אין יעדער פריוואטער אידישער משפחה. ביז היינט צו טאג זיינען דא הונדערטער שטעטלאך אין טיף פוילן וואו שטארקע פיפציק פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג לעבט כמעט אויסשליסלאך אויפן חשבון פון אמעריקאנער דאלארן, וועלכע זיי באקומען פון זייערע קרובים אין "גאלדענעם לאנד". מיט דעם דאלאר מעסט מען די קרעדיט־פעאיקייט פון דער אדער יענער משפחה. איז א משפחה א אמעריקאנער, ד. ה. לעבט אויפן חשבון פון אמעריקאנער, זיינען פאר אים אפן טיר און טויער. זי באקומט אויף קרעדיט און מען טראגט איר פון אל־דאס־גוטס אנטקעגן, ווייל עס איז זיכער, אז עס וועלן אנקומען די דאלארן (אדער ווי זיי הייסן אין ווארשע "לאקשן", אין קאנגרעס פוילן "דרלארן" און אין ליטוויש פוילן "טאלערס"), וועלן זיי זיך ארומצאלן.

דער דאלאר איז געווארן דער יחסן און בעל דעה אין שטעטל. איך קאן שטעטלאך וואו די גבאים פון די אלטע אוף חשוב'ע בתי־מדרשים זיינען היינט אזעלכע, וואס זייער יחוס באשטייט בלויז אין דעם, וואס זיי האבן רייכע זין אין אמעריקע און באקומען דאלארן. די שענסטע עליה באקומט איר פארן דאלאר. און עס איז געווען גענוג ארויסצוזאגן : "איך גיב פאר מפטיר 2$" — און אלע בויגן מיט ערפורכט דעם קאפ, און הגם דער־וואס באקומט פון אמעריקע דאלארן איז בטבע א קבצן, ווייל שליסלאך לעבט ער דאך אויפ'ן אויסגערעכנטן סענט. דאך איז גרויס דער היפנאז פון דאלארס און ס'איז גענוג דער פאקט, וואס אזא איינער לעבט פון אמעריקע, אז אלע זאלן פאר אים האבן דרך־ארץ. ווייל ווער ווייסט ? עס קאן אמאל קומען צו אים א זון פון אמעריקע און דאס שטעטל דארף זיך ניט איינרייסן מיט אים. ער קאן אמאל באקומען א רייכע דאלארן־ירושה און וועט ווערן א מיליאנער . . . שטארק דעצידירענד איז דער דאלאר אין שדוכים ענינים. און עס איז אינטערעסאנט : פוילן, א לאנד מיט א סטאביליזירטער וואליוטע, רעכנט ביי שדוכים בלויז אויף דאלארן, הגם דאס איז ניט קיין אימפארט ארטיקל פון אויסלאנד, וואס מוז באצאלט ווערן אין אויסלענדישער וואליוטע.

דאס זעלבע מיידל, וואס פארמאגט 1,000 נדן פוילישע, ד. ה. וואס אירע עלטערן זיינען איר בכוח צוגעבן פון היימישע פארדינסטן, אזא מיידל שטייט אין דער שדוכים וועלט נידעריקער אין "קורס" ווי א מיידל, וואס פארמאגט טויזנט דאלאר "אמעריקאנישע", ד. ה. אזעלכע, וואס זי האט באקומען פון אמעריקע, ווייל ביים היימישן נדן איז מען מיט אים ניט זיכער, ער איז דא אין גאנצן און דערביי קומט נאך א פאנטאזיע־פאקטאר, אויב א מיידל האט אזעלכע רייכע קרובים, וואס שיקן טויזנט דאלאר אויף נדן וועלן זיי איר ווייטער שיקן . . .

און פונקט ווי דאס מיידל מיט דאלארן שטייט גרויס אין יחוס, איז נאך אין גרויסקייט דער אמעריקאנער חתן אליין, ווער קאן אויסרעכענען וויפיל אידישע טעכטער פון פוילן זיינען פארפירט געווארן אין שאנד־הייזער בלויז א דאנק דעם היפנאז פון "אמעריקאנער גליקן". קומט זיך אזא בחור אין א אידיש שטעטל, שטעלט זיך פאר אלס אמעריקאנער מיט גראבע דאלארן, צאלט אומעטום מיטן דאלאר און זוכט א כלה, און דאס שטעטל פארלירט דעם קאפ. בעת די היימישע שדוכים פרעגט מען זיך נאך וועגן דעם חתן, וועגן זיינע עלטערן, וועגן זיינע עקזיסטענץ מעגלאכקייטן, ווערט דאס אלץ ביים "אמעריקאנער" ניט גענומען אין אכט. יעדער טאטע באמיט זיך, וואס שנעלער אריינצוכאפן די ווילדע מציאה, און אזוי זיינען הונדערטער מיידלאך פאראומגליקט געווארן. עס איז ניט צו באשרייבן די אפערעס און פאמיליען אומגליקן וואס די "אמעריקאנער" (ווארשיינלאך גאר ניט קיין אמעריקאנער נאר סתם היימישע אפעריסטן) האבן מיטן כוח פון דעם דאלאר און גרויסע אמעריקאנער ברילן האבן אנגעמאכט אין פוילן. דער דאלאר האט אויפגעמאכט פאר זיי אלע בעסטע געשעפטן, וואו מען פלעגט נעמען אויף קרעדיט און שפעטער נעלם געווארן; האט אויפגעעפנט פאר זיי די טירן פון די שענסטע הייזער, וואו מען האט פארפירט און אפגענארט אידישע מיידלאך; אפגערעדט אידישע פרויען פון זייערע מענער און ביים בעסטן פאל — אויב קיין פרויען הענדלער האט זיי ניט פארפירט קיין בוענאס איירעס, זיינען זיי שפעטער אוועקגעווארפן געווארן און עס זיינען געבליבן די פאמיליען טראגעדיעס. ווייל דער דאלאר איז געווען דער מעסטער פון גליק, פון וואוילשטאנד און פון שטאנדהאפטיקער עשירות.

און מיט'ן קריזיס אין אמעריקע איז אויך געקומען די נאטירלאכע ירידה פון אמעריקאנער אין פוילן.

איך קאן א הויז, וואו עס האלט ביים אפגעלאזן ווערן א שידוך, ווייל עס איז ניט זיכער מיטן נדן. דער נדן איז געמלאך אן אמעריקאנישער. א ברודער האט געשריבן, אז באלד ווי זיין שוועסטער וועט ווערן א כלה וועט ער איר שיקן פינף הונדערט דאלאר פאר נדן. אין די גוטע צייטן איז אזא בריוו אנגענומען ווי דער בעסטער וועקסל, היינט וויל דער חתן די דאלארן אויפן טיש און ס'איז שוין א פאר חדשים ווי מען שרייבט און מען שרייבט און דערווייל זעט מען נאך גארניט. ניטא דער צוטרויען, אז דער ברודער וועט טאקע שיקן.

אייגנטימער פון שפייז קרעמלאך קרעבצען : געשפייזט אזוי פיל "אמעריקאנער" געגעבן אויף קרעדיט אלץ מיט דער זיכערקייט אז צו א חודש אדער צו זעקס וואכן וועלן אנקומען די "חודש געלדער" און איצט — שוין מער ווי דריי חדשים און מען זעט ניט קיין שפיץ פון א דאלאר און געבן מוז מען ווייטער, ווייל מען איז דאך אריינגעקראכן מיט א סך געלט.

און עס קרעכצן טאטע־מאמע, וואס לעבן בלויז אויפ'ן חשבון פון די אמעריקאנער שטיצונגען. עס איז אראפ דער יחוס פון די קליינשטעטלדיקע "אמעריקאנער". מען האט פארלוירן דעם רעספעקט פאר זיי. אויך זיי אליין זיינען ניט מער ווי געוויינלאכע "בשר ודמ'ס" וואס קאנען זיך מוטשען חדשים לאנג און ארויסשטעקן דעם צונג פאר א גראשן, ארומלויפן בארגן א פאר זלאטעס אויף טעגלאך ברויט, אבער בעת מיט א האלב יאר צוריק פלעגט מען אזא איינעם טראגן אנטקעגן מער וויפיל ער האט געבעטן, וויל מען היינט גאר ניט געבן, ווייל ווער ווייסט, טאמער בלייבט ער שוין דער אמת'ער פוילישער קבצן.

און אויך דער דאלאר איז עפעס געווארן א יורד. מען האט אויפגעהערט צו צאצקען זיך מיט אים . . .

פון דעם גרויסן אמעריקאנער אומגליק, וואס עס האט געטראפן אונזערע ברידער דארט און אויך וועלכן מיר באדויערן פון דעם טיפסטן הארצן, וועט אבער בלייבן איין גוטע זאך : דאס פוילישע אידנטום, די אידישע געזעלשאפט מוז איבער־גוואלד זיך אנהויבן צוצוגעוואוינען אז זי מוז אליין אויסהאלטן אינסטיטוציעס.

איבער גליקלאך וועלן מיר זיין, אויב דאס אמעריקאנער אידנטום וועט צוריק קומען צו זיך, אבער אויך גליקלאך וועלן מיר זיין, אויב דאס פוילישע אידנטום וועט — ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן ווירטשאפטלאכן חורבן — אנהויבן צו זארגן פאר זיך און ניט האלטן אין איין שנארען.

ווארשע, פעברואר, 1931.

("איטא")

נייער בריוו פון מאקדאנאלד צו דר. וויצמאן

(וואס עס בלייבט איצט צו טאן, ווען מיר ווילן ווירקלאך האבן ארץ־ישראל).

פון דר. צבי כהן

נאך די פיינלאכע איבערלעבונגען וואס מיר האבן געהאט פון דעם "ווייסן פאפיר" און נאך די חדשים לאנגע פראטעסטן און פארהאנדלונגען, איז געקומען דער נייער בריוו פון מאקדאנאלד'ן צו דר. חיים וויצמאן.

וועגן דעם דאזיקן בריוו זיינען איצט פאראן געטיילטע מיינונגען אין דעם לאגער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. עפעס נייעס, פארשפרעכונגען, לויט וועלכע די ארבעט קאן ווייטער אנגיין און פאראן אנדערע וואס זעען אין אים גארניט.

אין אמת'ן געזאגט איז ווירקלאך דער דאזיקער בריוו א מין כצפיחית בדבש, וואס דער רבי פון דער אלטער היים האט עס אונז בשום אופן ניט געקאנט דערקלערן — "כצפיחית" — פלעגט ער טייטשן ווי א צפיחית, אבער וואס איז אזוינס א צפיחית האבן מיר ניט געוואוסט.

דער אמת וועגן דעם דאזיקן בריוו איז אז ער איז אזא צפיחית. ער איז א קונציק אנגעשריבן דיפלאמאטישער אקט. אויב איר ווילט אריינקוקן אין אים גוט און תוך שבתוך ענטהאלט ער אפשר ניט מער ווי דער "ווייסער פאפיר", אבער ער איז אנגעשריבן אזוי אז קאן אפנארן דאס אויג. יא, מעקדאנאלד האט זיך שוין אויסגעלערנט די קונץ. ער קאן שוין שרייבן א דיפלאמאטישן אקט, וואס זאל גארניט זאגן און מיינען זייער פיל. עס זעט אויס ווי א שטייגער מעקדאנאלד וואלט געזאגט צו פאספילד'ן : — דו ביזט טאקע א וואוילער קאלעגע, אן אלטער מחבר פון ספרים, אבער דאך א בטלן, אזא מין ווערק'ל (דעם ווייסן פאפיר) ווי דו האסט געשריבן, שרייבט מען ניט ווען מען זיצט אין רעגירונגס זאטל, דאס קאן זיך פארגינען צו שרייבן נאר א פריוואטער מענש, אבער ניט א מיניסטער. אט וועל איך דיר ווייזן אז איך וועל אנשרייבן פונקט דאס זעלבע וואס דו האסט געשריבן און איך וועל די אידען ניט געבן קיין שום גרעסערע פארשפרעכונגען און זיי וועלן פון מיין שרייבען זיין העכסט צופרידן.

אט אזא רושם האט געמאכט אויף מיר דער בריוו פון מאקדאנאלד'ן צו דר. וויצמאן, ווען איך האב אים געלייענט. אבער ווען צוויי מענשן שרייבן איבער איין טעמע, מעגן זיי אפילו האבן איין און די זעלבע מיינונג וועגן דער פראגע מוז דאך זייער שרייבן ארויסקומען אנדערש, ווייל איינער האט געוויינטלאך מער סימפאטיע צו דער זאך און דער צווייטער ניט אזוי פיל. איינער מוז זיין מער אינטערעסירט און דער צווייטער ווייניקער.

עס איז אן א ספק אז מעקדאנאלד האט מער סימפאטיע פאר אונזער אידעאל ווי פאספילד און דעריבער האט זיך די דאזיקע סימפאטיע אפגעשפיגלט אין זיין שרייבן. דעריבער איז אויסגעקומען אז דער בריוו פון מעקדאנאלד'ן ענטהאלט אין זיך מער סימפאטיע צו אונזער אידעאל ווי דאס שרייבן פון פאספילד'ן.

אבער פון דער אנדערער זייט זיינען פאראן אזעלכע ציוניסטן, וואס זעען אין דעם בריוו ניט בלויז מער סימפאטיע, נאר אפילו אויך פיל פארשפרעכונגען און קאנצעסיעס. און אנדערע גייען נאך אזוי ווייט אויסצוטייטשן דעם בריוו מיט דער דערקלערונג אז אזוי ווי ער איז געשריבן געווארן נאך דעם ווייסן פאפיר, און אזוי ווי ער ענטהאלט אין זיך א דערקלערונג און פירוש אויפן ערשטן, האט ער ניט אנדערש געקאנט זיין, און מוז זיין אזוי געשריבן ווי ער איז. אבער באמת איז מען אין די ענגלישע רעגירונגס־קרייזן נאך בעסער געשטימט וועגן ארץ־ישראל.

אבער יעדנפאלס, אזא "פאפיר" צי אזא "פאפיר", מיט פייפערס וועט מ'צן ארץ־ישראל ניט אויפבויען, און נאך עפעס זעען מיר און דאס איז אין דעם לעצטן "פייפער" שפיגלט זיך אפ דער ווילן פון אלע ענגלישע קאבינעטן בנוגע ארץ־ישראל, אזוי אז מען קאן זאגן : — **אט איז ענגלאנד'ס שטעלונג צו ארץ־ישראל.**

אונטערהאנדלונגען היינט, אונטערהאנדלונגען מארגן, ווייסע פאפירן, בריוו, טומל און אויפרעגונג. וואס איז דער פועל יוצא ? — דער בריוו פון מעקדאנאלדן. דאס איז ווי מען זאגט "פיינאל", ענדגילטיק ! דאס לעצטע ווארט ! ווען מען קוקט זיך גוט צו הערט מען איז דעם בריוו דעם עכא פון דעם ערשטן קאבינעט ביזן לעצטן בנוגע ארץ־ישראל. אלע האבן זיי אזוי גערעדט. אלץ כמעט מיט דער זעלבער שפראך. אט אזוי רעדט צו אונז ענגלאנד, אזוי זאגט גרויס בריטאניע. און ווי אזוי ענגלאנד האנדלט בנוגע ארץ־ישראל ווייסן מיר אויך, אט אזוי ווי מיר זעען עס אין ארץ־ישראל אין פארלויף פון די גאנצע דרייצן יאר. אט אזוי האנדלט זי !

וואס וועט ווייטער זיין ? — ווי אזוי דארפן מיר זיך באציען צו דעם ענין ? עס איז קלאר, אז מיר האבן פאר זיך נאר איין וועג און דאס איז דער וועג פון טאטן. מעשים, מעשים און מעשים, דאס וואס מיר וועלן טאן דאס וועט זיין אונזערס.

פארלויפיק האלט נאך ניט די זאך אזוי שלעכט, אז מען זאל אונז ניט לאזן טאן. פארלויפיק קאן מען נאך אנגיין מיט דער ארבעט וויפיל נאר מיר ווילן אליין, און ווייל עס איז אזוי, ווייל מיר קאנען אנגיין פארלויפיק מיט דער ארבעט, דארף מען עס טאן און טאן שנעל, און טאן אלץ וואס מיר קאנען — נאר טאן.

אונזערע חשבונות מיט דער ענגלישער רעגירונג זיינען שוין קלאר. מיר האבן אלץ שוין אפן. מיר ווייסן שוין ווי מיר שטייען מיט איר. ע סאיז אייגנטלאך "לא שטייען מיט איר. עס איז אייגנטלאך "לא ניט קאלט. די ענגלישע רעגירונג וועט אונז קיין באזונדערע הילף ניט געבן, אבער זי וועט אונז פאקטיש ניט איבעריק שטערן אין דער ארבעט. אויב מיר וועלן זיך איצט נעמען צו טאן מיט א נייעם אימפעט, מיט פיל ברען און באגייסטערונג, וועלן מיר האבן ארץ־ישראל.

אט דאס דארף מען געדיינקען און האבען אין זינען איצט כסדר. דעריבער דארף מען זיך גלייך נעמען צו טעטיקייט.

די צייט פון דעבאטן און פראטעסטן זיינען אריבער. די צייט פון רייד איז צו ענדע. לעבודה ! צו דער ארבעט, לאמיר טאן !

ווי זינגט מען עס אין ארץ־ישראל אין די ארבעטער קרייזן : "אים אין אני לי מי לי".

און געלויבט דארף ווערן דער ווייטער בליק פון די ארבעטער פירער אין ארץ־ישראל, וועלכע האבן באלד ביים אנהויב פון דעם טומל ארום דעם "ווייסן פאפיר" דערקלערט : מיר שרעקן זיך ניט אפ פון קיין שום רעגירונגס פאפירן, מיר טוען ארבעט !

ארץ־ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן דורך ארבעט ! ניט דורך פאפירן, מעגן זיי זיין די בעסטע, ניט דורך דיפלאמאטישע און ניט דורך רעדעס, נאר דורך ארבעט, טעטיקייט.

ווען א איד לייזט אויס איין דונאם לאנד אין ארץ־ישראל טוט ער פאקטישע ארבעט, פיל מער פון איינעם וואס קעמפפט פאר ארץ־ישראל. מיט די שענסטע פראזן.

אט דעריבער דארף איצט זיין דאס אונזער ציל : אויסלייזן ארץ־ישראל. אנגיין מיט דער ארבעט !

די הויפט ארבעט דארף זיין : די נאציאנאל פאנד ארבעט, אוסישקין'ס ווארט וואס ער האט געזאגט לעצטנס אין ניו־יארק, אז די אויסלייזונג פון לאנד דארף זיין דער ערשטער חוב פון יעדן איד, דער ערשטער פונקט אין "אני־מאמין" פון גאולת ארץ ישראל, דארף אנערקענט ווערן פאר א הויפט אמת.

יעדער איד דארף אין איצטיקן מאמענט ווייזן דער ענגלישער רעגירונג, אז ער לייזט אויס ארץ־ישראל בפועל ממש.

ווער עס גיט דעם נאציאנאל פאנד בלויז אויף אויסצולייזן איין דונאם לאנד טוט שוין די ארבעט. ווער עס טוט אזא קליינקייט ווי פלאנצן איין בוים אין ארץ־ישראל וואס עס קאסט אינגאנצן איין דאלאר מיט פופציק סענט, לייזט שוין אויס ארץ־ישראל.

אט דאס דארף איצט טאן יעדער איד, פאקטיש אליין, ממש מיט די אייגענע הענט אויסלייזן ארץ־ישראל.

זאל דעריבער אוסישקין'ס רוף געהערט ווערן אין אלע אידישע הייזער און זאל עס ווערן איצט דער וואונש פון יעדן אידן צו געבן אויף פורים א "משלח מנות" צום אידישן פאלק.

א שלח מנות פון אויסלייזן א דונאם (אדער עטלאכע דונאם), א שלח מנות פון קויפן אין ארץ־ישראל (אדער עטלאכע בוימער), א שלח מנות פון איינשרייבן א נאמען פון איינעם וואס איז אים טייער (אדער זיך אליין) אין דעם גאלדענעם בוך — פון דעם אידישן פאלק.

אט די אלע איינשרייבונגען גייען דירעקט אויף אויסצוקויפן דאס אידישע לאנד, און ווער זאל אויסלייזן דאס אידישע לאנד אויב ניט דאס אידיש פאלק? דער בעסטער, שענסטער און קלוגסטער ענטפער פון דעם אידישן פאלק צו דער ענגלישער רעגירונג, צו די חלוצים אין ארץ־ישראל און צום גאנצן אידישן פאלק דארף איצט זיין : — מעשים, טאטן, עפעס טאן. יעדער איינער זאל עפעס טאן אין ארץ־ישראל, עפעס אויסלייזן.

יעדער איד דארף איצט אויסלייזן א שטיקעלע ארץ־ישראל פארן אידישן פאלק.

כעלמער נאראנים בריינגען אראפ דעם אמת

אין כעלם איז אמאל געקומען א מגיד, האט ער געהאלטן א דרשה און ער האט אין דער דרשה געזאגט, אז דער אמת איז זייער א טייערע זאך און דאס איז שווער צו קריגן. נאכדעם אז דער מגיד איז אפגעפארן האט מען געהאלטן אן אסיפה און עס איז געבליבן מען זאל שיקן צוויי באלעבאטים אין ווארשע, איינקויפן אמת. די באלעבאטים זיינען געקומען קיין ווארשע — האט מען שוין מסתמא דערקענט מיט וועמען מען האט דא צו טאן — ניט מען זיי אפ שלום עליכם; פון וואנען קומט איר ? — זאגן זיי, אז זיי קומען פון כעלם. — און וואס טוט איר אין ווארשע ? — זאגן די כעלמער באלעבאטים : — מיר זיינען געקומען איינקויפן דעם אמת. אפשר ווייסט איר וואו מען קען דאס קויפן. — הכלל, ווארשעווער חברה האבן גענומען א כלי מיט פאמויניצע און מען האט דאס פארקויפט צו די כעלמער, און מען האט זיי געזאגט אז דאס איז דער אמת.

די צוויי באלעבאטים זיינען געקומען אהיים מלא שמחה : זיי האבן שוין דעם אמת ! עס איז געקומען דער רב און די איבעריקע באלעבאטים, האבן זיי אלע מסכים געווען אז דער אמת האט ניט קיין גוטן ריח . . .

און נאכדעם, אז א מגיד פלעגט אמאל קומען אין כעלם און וועלן אנהויבן ריידן, פלעגן כעלמער אנהויבן שרייען : אראפ, פון בימע ! פון אמת הערט זיך ניט קיין גוטער ריח . . .

עס קומט !
דער קאנצערט פון יאר!
דער קולטורעלער
פאלקס
קאנצערט
מיט די גרויסע קינסטלער
אביגדור פעקער
פון דער וועלט בארימטער "הבימה" טרופע
מישא ראפעל
באליבטער אמעריקאנער בינע קינסטלער
אין קווינס טעאטער
זונטאג דעם 8טן מארט
8.45 אוונט
אויפזיכט:
איד. נאצ. ארב. פארב. בראנטש 20